## עונג שבת

**גוט שבת אלע אידן.** אמאל, עטליכע יאר צוריק האט א פאליציאנט אפגעשטעלט א אידישע דרייווער אין ברוקלין. ווען דער איד האט ארויסגענומען זיין "איי-די" צו ווייזן פארן אפיצער, האט דער אפיצער באמערקט א בילד פון אן עלטערער איד. "ווער איז יענער מענטש?" האט דער פאליציאנט געפרעגט דעם איד. "דאס," האט דער איד געזאגט מיט א שטאלצקייט, "איז מיין רבי... דער ליובאוויטשער רבי."

"טאקע? אזוי האב איז געמיינט..." האט דער גוי געזאגט, "אויב דו ביסט א חסיד פונעם ליובאוויטשען רבי'ן... גיי איך דיך נישט געבן קיין טיקעט!" דער איד איז איבערראשט געווארן. "א דאנק... האסטו אמאל געטראפן דעם ליובאוויטשען רבי'ן?" האט דער איד געפרעגט.

דאן האט דער גוי אנגעפאנגען צו דערציילן דעם אינטערסאנטע מעשה ווי אזוי ער האט געהאט שייכות מיט'ן רבי'ן. עטליכע יאר פריער האט דער גויאישער פאליציאנט "זוכה" געווען צו באגלייטן טעגליך דעם ליובאוויטשען רבי'ן צום ציון פון זיין שווער, דער פריערדיגער ליובאוויטשער רבי הרה"צ רבי יוסף יצחק זצ"ל. יעדען טאג ווען דער רבי איז ארויסגעפארן צום ציון, האט א פאליס קאר אים באגלייט אהין און צוריק.

איין טאג ווען דער רבי איז געווען ביים ציון, איז דער גויאישער פאליציאנט געשטאנען לעבן זיין פאליס קאר ווארטענדיג אויפ'ן רבי'ן צוריקצופארן. בשעת ער האט געווארט, האט דער אפיצער צוגעהערט ווי אפאר בחורים האבן געשמועסט וועגן א לעצטיגע "מופת" וואס דער רבי האט געטון.

דער פאליציאנט איז געווארן אינטערעסירט צו הערן וואס דער מעשה איז געווען און דערנאך האבן די בחורים דערציילט ווי א איד איז געהאלפן געווארן מיט א קינד, נאך אסאך יארן פון זיין קינדערלאז, ל"ע. דער פאליציאנט האט גענומען טראכטן, ער מיט זיין פרוי אליינס זענען נישט געבענטשט געווארן מיט קינדער, נאך אסאך יארן ווארטן און גיין צו דאקטוירים וכו'.

דער אפיצער האט געפרעגט די בחורים צי דער רבי פירט זיך צו בענטשן גוים אויך, ווייל ער מיט זיי פרוי אליינס האבן געווארט אסאך יארן צו האבן קינדער וכו'.

די בחורים האבן גלייך געזאגט אז דער פאליציאנט קען פרובירן. זיי האבן געזאגט צום גוי אז ער זאל שטייען לעבן דעם טיר פונעם רבי'ן'ס קאר, און ווען דער רבי וועט אריינגיין אין זיין קאר, וועט דער גוי קענען בעטן א ברכה פון אים.

און אזוי איז טאקע געשען. דער גויאישער פאליציאנט האט געווארט און ווען דער רבי איז געקומען, האט ער טאקע געבעטן א ברכה פונעם רבי'ן. דער רבי

## פרשת וארא תשע"ד

האט געבעטען אז דער גוי זאל אראפשרייבן זיין נאמען אויף א קוויטל מיט זיין טאטע און מאמע'ס נעמען און זיין פרוי אין אירע עלטערן'ס נעמען אויך.

דער פאליציאנט איז געווארן אזוי נתרגש, אז זיין האנט האט זיך געשאקעלט בשעת ער האט געשריבן דעם קוויטל. ער האט איבערגעגעבן דעם קוויטל צום רבי'ן און דער רבי האט ווארעם אנגעוואונטשן. הפלא ופלא, ביז דעם ענד פונעם יאר, האבן די גוים געהאט א יונגעל.

אבער דער מעשה ענדיגט זיך נישט דארט. דער פאליציאנט האט געוואלט רופן דעם קינד "מענדל" נאך דער רבי'ן (וואס האט אפילו געלעבט נאך דעמאלט.) אבער דער גוי'ס פרוי און אירע עלטערן האבן נישט געוואלט לאזן רופן דעם קינד "מענדל" ווייל זיי האבן גערעכענט אז די גויאישע קינדער גיין לכאורה טשעפענען א יונגל מיט אזא "אידישע" נאמען.

"פונקט פארקערט," האט דער פאליציאנט געטענעט צו זיי, "אזוי וויל איך דווקא, אז יעדער איינער זאל וויסן אז דער קינד איז טאקע געבוירן געווארן דורך די "ברכה" פונעם ליובאוויטשען רבי'ן! דורך דעם לעבט היינט א גוי אין ניו יארק מיט'ן נאמען "מענדל!"

מיר קענען ארויסלערנען א "קל וחומר" פון דעם מוראדיגען מעשה וואס מיר האבן יעצט דערציילט. אויב דער ליובאוויטשער רבי, וואס איז אזוי טרוד געווען מיט צרכי ציבור, האט זיך מטריח געווען צו העלפן א גוי, איז אוודאי זאלן מיר זיך מעורר ווערן צו וועלן העלפן א צווייטן איד.

דער ענין ווערט דערמאנט אין די פסוק די וואך: "וגם אני שמעתי את נאקת בני ישראל וכו'" – דער אייבערשטער זאגט צו משה רבינו ע"ה אז ער וועט אויסלייזן כלל ישראל ווייל ער האט געהערט די געשריי פון די אידישע קינדער. זאגט דער הייליגער חתם סופר זי"ע, אז ווען דער פסוק זאגט "וגם" מיינט עס אז נישט נאר דער אייבערשטער האט געהערט די געשריי פון די בני ישראל, נאר די בני ישראל האבן אליינס געהערט די געשריי פון זייערע ברידער. אפילו אלע פון די בני ישראל זענען געווען קנעכט פון פרעה, און זיי האבן געליטן דערפון און זיי אלע זענען געווען אין א שווערן מצב, האבן זיי נאכאלץ געהאלפן א צווייטען.

דורך געדענקען דעם פלאדיגען מעשה צוזאמען מיט דעם ווארט פונעם חתם סופר זצ"ל, קענען מיר אלע זיך מתעורר זיין צו זוכן ווי צו העלפן אנדערע אידן מיט צדקה אדער אפילו אינזין צו האבן יענעם ביים דאווענען, בפרט ווען יענער איד געפינט זיך אין אן עת צרה. **גוט שבת אלע אידן.**